קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה וסיפורי קודש
מאת כבוד קדושת מרן
**רבינו אברהם מנחם מענדל וואגשאהל** זי"ע
**אדמו"ר משינאווא**

## בשלח

גליון כ"ד - שנת תשפ"ד לפ"ק

• **אידיש** •

יו"ל ע"י

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
**שינאווא**

כל הזכויות שמורות

## וּפַרְעֹה הִקְרִיב וַיִּשְׂאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת עֵינֵיהֶם וְהִנֵּה מִצְרַיִם נֹסֵעַ אַחֲרֵיהֶם וַיִּירְאוּ מְאֹד וַיִּצְעֲקוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל ה׳.

**א)** רש״י זאגט: **״ראו שר של מצרים נוסע מן השמים לעזור למצרים״** - אידן האבן געזען ווי דער ׳שר של מצרים׳ לויפט זיי נאך פון הימל כדי צו צוהעלפן די מצריים. לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס ביי אלע צען מכות ווען מען האט געשלאגן די מצריים - זעט מען נישט אז דער שר של מצרים זאל קומען זיי ארויסהעלפן, און פלוצלינג דא ביים ים איז ער אנגעקומען?

**ב)** ווייטער שטייט: **״וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל אֶת מִצְרַיִם מֵת עַל שְׂפַת הַיָּם״**. זאגט רש״י: **״שפלטן הים על שפתו, כדי שלא יאמרו ישראל כשם שאנו עולים מצד זה כך הם עולין מצד אחר רחוק ממנו וירדפו אחרינו״** - וויבאלד אידן האבן מורא געהאט, אז די מצריים וועלן ארויסקומען פון דעם אנדערן זייט ים און זיי ווייטער נאכלויפן, דערפאר האט דער אייבערשטער געמאכט א נס, אז דער ים האט זיי אויסגעשפיגן ביים ברעג, און זיי האבן געזען ווי די מצריים זענען טויט. לכאורה דארף מען פארשטיין די הוה אמינא פון אידישע קינדער, נאכן זען אזעלכע צען מכות, בפרט מכות בכורות וואס פרעה האט געשריגן ״קומו צאו מתוך עמי״, און דערנאך אזא נס פון קריעת ים סוף, פארוואס זאלן זיי נאכאלץ טראכטן אז די מצריים וועלן אויך זוכה זיין צו קריעת ים סוף און זיי ווייטער נאכלויפן?

**ג)** ווייטער שטייט: **״אָז יָשִׁיר מֹשֶׁה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשִּׁירָה ׳הַזֹּאת׳ לַה׳״**. זאגט דער מדרש (שמו״ר כג, יא): **״כל השירות שנאמרו בעולם לשון נקבות וכו׳ אבל לעתיד לבוא וכו׳ אומרים שיר לשון זכר״** - אלע שירות וואס אידן האבן געזינגען ביז היינט, איז אלעס געווען א בחינה פון א ׳נקבה׳; ווי עס שטייט דער לשון ׳הזאת׳, אבער לעתיד וועט מען זינגען שיר אין א בחינה פון א ׳זכר׳. לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז דער חידוש וואס דער מדרש וויל אונז דא דערציילן? און וואס איז דער חילוק צווישן א שירה בלשון נקבה צו א שיר בלשון זכר?

**ד)** דער מדרש ברענגט (ילקו״ש בשלח רמז רלד): **״ירד ס״מ ואמר לפניו, רבונו של עולם לא עבדו ישראל עבודה זרה במצרים ואתה**

**עושה להם נסים? וכו' מיד השיב לו הקב"ה שוטה שבעולם וכי לדעתם עבדוה והלא לא עבדוה אלא מתוך שעבוד ומתוך טרוף דעת ואתה דן שוגג כמזיד ואונס כרצון"** - דער מקטרג האט גע'טענה'ט, אז עס קומט זיך נישט פאר אידן צו געראטעוועט ווערן פונעם ים סוף, ווייל זיי האבן דאך געדינט עבודה זרה אין מצרים. האט אים דער אייבערשטער געענטפערט: דו שוטה, זיי האבן דען **געוואלט** דינען עבודה זרה? זיי האבן דאך געדינט בלויז פון גרויס שעבוד און צומישטקייט! דו קענסט דען פארגלייכן א 'שוגג' צו א 'מזיד' און אן 'אונס' צו א 'רצון'? לכאורה איז שווער, וואס איז געווען די הוה אמינא פונעם מקטרג צו צושטעלן די אידן צו די מצריים? האט ער דען נישט געוואוסט אז אידן זענען געווען שוגגים און אנוסים? און אויך, וואו איז ער געווען ביז יעצט מיט דער טענה - בשעת ווען די מצריים האבן געכאפט צען מכות אין מצרים?

אויב 'מתנת חנם' – גיב אויך פאר די מצריים?

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. דער מקטרג האט טאקע נישט גע'טענה'ט גארנישט אויף די צען מכות, ווייל ער האט זייער גוט פארשטאנען אז די מצריים זענען געווען מזידין, און עס קומט זיך זיי אלע עונשים, און די אידן זענען געווען אנוסים, און עס קומט זיך זיי נישט קיין עונש. און אויך דא ביים ים, איז זיין טענה נישט געווען, אז די אידן זאלן ווערן איינגעזינקען צוזאמען מיט די מצריים. נאר זיין טענה איז געווען: "ריכטיג טאקע, אז די אידן זענען נישט געווען שולדיג אין דער עבודה זרה, ווייל זיי זענען געווען אן 'אונס', און עס קומט זיך זיי טאקע נישט צו ווערן דערטרונקען, אבער פאר דעם קומט זיך זיי נאכנישט אזעלכע גילוים פון נבואה - נאך גרעסער פון נביאים; ווי חז"ל זאגן: 'ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל'! למעשה, האבן זיי דאך געזינדיגט בשוגג, און פאר 'עובדי עבודה זרה בשוגג' קומט זיך נישט קיין מדרגות ובפרט אזא הויכע מדרגה פון נבואה! נו, פארוואס גיבסטו זיי אזעלכע מתנות פון מדרגות? אלא מאי, דאס גיבסטו זיי בלויז אלס א 'מתנת חנם - אף על פי שאינו הגון ואינו כדאי'! דו גיבסט זיי - אפילו אויב עס קומט זיך זיי נישט! נו אויב אזוי, גיב אויך פאר מיינע מצריים - כאטש עס קומט זיך זיי נישט!".

### דער פחד פון אידן: אפשר וועלן די מצריים אויך ניצול ווערן במתנת חנם?

**און** מהאי טעמא, האבן די אידן טאקע מורא געהאט, אז די מצריים וועלן אויך ניצול ווערן און ארויסקומען פונעם ים. ווייל אידן האבן נעבעך געוואוסט זייער מצב און דאך האבן זיי זיך פלוצלינג געפונען אין א הויכע מדרגה פון נבואה, האבן זיי פארשטאנען אז דא טוט דער אייבערשטער מיט זיי אזא מין חסד אויף א בחינה פון 'מתנת חנם', אפילו מיר זענען נישט ראוי, נו אויב אזוי, אפשר וועלן די מצריים אויך ניצול ווערן מאוצר 'מתנת חנם'?

### א איד איז אלעמאל א בחינה פון 'שוגג'

**אויף** דעם האט דער אייבערשטער געענטפערט פארן מקטרג: "דו פארגלייכסט שוגג צו מזיד?". און דער פשט דערין קען זיין, לויט די ווערטער פונעם **דברי יחזקאל** (לר"ה), וואס ער טייטשט דעם מדרש (ויק"ר פכ"ט): "כי אעשה כלה בכל הגוים אשר הדחתיך שמה ואותך לא אעשה כלה, אומות העולם שהן מכלין שדותיהן, אעשה כלה. אבל ישראל שאין מכלין את שדותיהן כמה דכתיב לא תכלה פאת שדך, לא אעשה כלה" - די גוים וועלכע לאזן נישט איבער קיין 'פאה' - וועט זיי דער אייבערשטער פארלענדן, אבער די אידן וועלכע לאזן איבער 'פאה' - וועלן קיינמאל נישט פארלענדעט ווערן. איז דער דברי יחזקאל מסביר, אז א איד, אפילו אויב ער ווערט חלילה נכשל מיט אן עבירה - טוט ער עס אבער נישט מיטן גאנצן הארץ און מיט די גאנצע תאוה, ווייל בשעת די עבירה ווייסט ער אז מען טאר דאס נישט טון, און עס טוט אים אביסל וויי אז ער איז עובר דערויף, און דעריבער קען ער שפעטער תשובה טון, ווייל עס איז א גאנצן צייט געבליבן אין אים א רושם פון קדושה. מה שאין כן א גוי, ווען ער טוט אן עבירה, טוט ער עס מיט די גאנצע תאוה און ער האט נישט קיין שום 'פאה' וואס ער לאזט איבער עפעס וואס ער האט נישט קיין הנאה. און דעריבער איז כמעט נישט שייך אז ער זאל תשובה טון, און דערפאר וועלן זיי פארלענדעט ווערן לעתיד לבוא.



### דערפאר האט ער אן 'עתיד'

**קומט** דאך אויס, אז וויבאלד פאר א איד טוט אייביג וויי אן עבירה, דערפאר וועט ער זיכער זוכה זיין תשובה צו טון, און דורכדעם וועט

ער זוכה זיין צו די גאנצע גאולה העתידה, מיט אלע מדריגות, השראת השכינה און תענוגים רוחניים - וואס מען וועט דעמאלט זוכה זיין.

א גוי האט נישט קיין 'עתיד' פון וואו אויסצובארגן 'מתנת חנם'

**עס** ווערט דאך אסאך געברענגט, אז אלע השפעות טובות וואס אידן האבן היינט אין גלות - קומט פון דער השפעה וואס עס וועט זיין לעתיד. ממילא קומט אויס, אז בשעת ווען א איד שרייט צום אייבערשטן מתוך צרה, און עס ווערט נתעורר די 'מדת הרחמים' אויף דעם איד און דער אייבערשטער גיבט אים פונעם 'אוצר מתנת חנם', איז דאס נישט סתם א השפעה, נאר דאס איז פשוט געבארגט פון דעם אור וואס דער איד וועט זוכה זיין לעתיד - אין דער בחינה וואס די גמרא זאגט (ברכות יז.): "עולמך תראה בחייך". אבער ביי א גוי איז דאס נישט שייך, ווייל וויבאלד ער טוט דאך עבירות מיטן גאנצן הארץ, וועט ער דאך ווערן פארלענדעט, און ער וועט נישט האבן קיין עתיד, נו, האט ער דאך נישט פון וואו אויסצובארגן! און דערפאר איז נישט שייך אים צו געבן פונעם 'אוצר מתנת חנם'.

די נבואה פון קריעת ים סוף איז געווען געבארגט פון לעתיד

**דאס** האט דער אייבערשטער געענטפערט פארן מקטרג - וואס ער איז אויך דער 'שר של מצרים' וועלכער איז זיי געקומען העלפן: "דו פארגלייכסט אידן צו גוים? אידן זענען דאך שטענדיג א 'שוגג' און 'אונס'! אפילו ווען זיי טוען עס במזיד, קלאפט זיי אבער דאס הארץ מיט א חרטה געפיל - וואס דאס מאכט עס א בחינה פון א שוגג! און ממילא, וועלן זיי זוכה זיין תשובה צו טון, און זיי וועלן האבן אן 'אור דלעתיד', ממילא, בארג איך זיי יעצט אויס א מדרגה פון נבואה - פון לעתיד! אבער די מצריים זינדיגן דאך 'ברצון' און 'במזיד'! זיי טוען עס מיטן גאנצן הארץ און מיט די גאנצע תאוה! און דערפאר וועט ער קיינמאל נישט קענען תשובה טון און עס וועט גארנישט בלייבן פון אים. נו אויב אזוי, וויאזוי קען איך אים געבן א מדרגה פון נבואה אלס א 'מתנת חנם'? ער האט דאך נישט פון וואו דאס אויסצובארגן?".

**און** מהאי טעמא, האט דער ים אויסגעשפיגן די מצריים ביים ברעג, כדי אידן זאלן זען, אז בלויז צו זיי קען מען משפיע זיין פונעם 'אוצר מתנת חנם', וויבאלד זיי זענען אלעמאל אין א מדרגה פון 'שוגג' און

אונס׳, אבער די מצריים זענען אלעמאל אין א בחינה פון ׳מזיד׳ און ׳רצון׳, און דערפאר האבן זיי נישט קיין שייכות מיטן ׳אוצר מתנת חנם׳.

לעתיד וועט עס זיין שיר בחינת זכר - א משפיע מצד עצמו

**דער** חילוק צווישן די בחינה פון א ׳זכר׳ און א ׳נקבה׳ איז באקאנט, אז ׳זכר׳ איז א ׳משפיע׳ און ׳נקבה׳ איז א ׳מקבל׳. און דאס זאגט דער מדרש: היינט צוטאג, זענען אלע שירות א בחינה פון א נקבה - ׳מקבל׳, ווייל דער גאנצער אור פון ׳שירת הים׳ און אלע אנדערע שירות - איז נאר אויסגעבארגט! עס איז נישט קיין אייגענער אור! אבער דער מקור פון וואו דאס אלעס ווערט נשפע איז פון לעתיד, וואס די דעמאלטדיגע שיר איז א בחינה פון ׳זכר׳ - ׳משפיע׳, וואס פונקט ווי עס וועט משפיע זיין דעמאלט א געוואלדיגן אור, איז עס שוין אויך יעצט משפיע אן אור.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, אז מיר זאלן זוכה זיין צום אוצר מתנת חנם און תשובה שלימה, און מען זאל שוין היינט זוכה זיין צו דער בחינה פון ׳עולמך תראה בחייך׳, צו באקומען עפעס פונעם אור דלעתיד, ביז מען וועט זוכה זיין צום ׳שיר חדש׳ בביאת גואל צדק במהרה בימינו, אמן.

## וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ.

**רש"י** זאגט: "**כדאי זכות אבותיהם והם והאמונה שהאמינו בי ויצאו לקרוע להם הים**" - זיי האבן גענוג זכותים - פון זייערע אבות, און זיי אליין, און די אמונה וואס זיי האבן געגלייבט אין מיר און זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים - זיי צוביישטיין און שפאלטן דעם ים פאר זיי.

**א)** לכאורה איז זייער שווער: וואס איז דער 'והם' - זיי אליין. אידן זענען דאך געווען 'ערום ועריה', זיי האבן דאך נישט געהאט קיין שום אייגענעם זכות, נאר בלויז דער זכות פון אמונה וואס זיי זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, נו, וואס צוטיילט ער דאס אויף צוויי זאכן, 'והם והאמונה שהאמינו בי', עס איז דאך לכאורה נישט געווען דא נאך א זכות אויסער אמונה?

**ב)** סוף סדרה ביי מלחמת עמלק שטייט (שמות יז, יא): "**וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ וְגָבַר עֲמָלֵק**" - ווען משה האט אויפגעהויבן די הענט, האבן אידן זיך געשטארקט, און ווען ער האט אראפגעלייגט די הענט, האבן די עמלקים זיך געשטארקט. פרעגט די משנה דערויף (ראש השנה כט.): "**וכי ידיו של משה עושות מלחמה או שוברות מלחמה, אלא לומר לך כל זמן שהיו ישראל מסתכלין כלפי מעלה ומשעבדין את לבם לאביהם שבשמים היו מתגברים ואם לאו היו נופלים**" - צו דען האבן משה'ס הענט געפירט די מלחמה? נאר דאס קומט לערנען, אז ווען אידן האבן ארויפגעקוקט צום הימל און זיך מכניע געווען צום אייבערשטן - האבן אידן זיך מתגבר געווען, און אויב נישט - זענען זיי געפאלן.

**לכאורה** איז שווער: געווענליך ווען די גמרא האט א קשיא אויפן פשט, און ער ברענגט א דרש צו פארענטפערן, ווערט דער דרש אריינגעטייטש אינם פשט וואס אזוי ווערט למעשה פארענטפערט אויך דער פשט. אבער דא ווערט דער פסוק אויסגעטייטשט אויפן ענין פון קוקן צום הימל, און דער פשוט'ער פשט - וואס משה האט אויפגעהויבן זיינע הענט - איז גארנישט פארענטפערט געווארן?

'שכר' איז נאר אויף 'אמונה' - מען זעט עס נישט קלאר

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. עס שטייט אין מדרש (תדא"ר כה): "בשכר האמונה נגאלו ממצרים" - אידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים אין דער זכות פון זייער אמונה וואס זיי האבן געהאט אינעם אייבערשטן. און דער פשט אין דער ווארט 'אמונה' איז באקאנט פון ספרים (זרע קודש פר' ויקרא ד"ה ויקרא אל משה), אז עס איז פארהאן צוויי בחינות: 'אמת' און 'אמונה'. 'אמת' מיינט, אז מען זעט די זאך קלאר מיט די אויגן, און מען קען בכלל נישט זאגן אנדערש. און 'אמונה' מיינט, אז מען קען עס נישט קלאר איבערצייגן, און מען קען חלילה זאגן אנדערש, נאר דער איד גלייבט באמונה שלימה אז דאס איז דער אמת. און דערפאר זאגט דער מדרש 'בשכר האמונה', ווייל בלויז אויף 'אמונה' קומט זיך 'שכר', אז כאטש וואס עס איז פארהאן אזא מין הסתר פנים, די גאנצע וועלט שרייט דער היפוך פון אמונה, און אלעס זעט אויס ווי איין שטיק טבע און נאכאמאל טבע, און דאך גלייבט א איד באמונה שלימה אין די דרייצן עקרים, אז גארנישט טוט זיך נישט אליינס, נאר דער אייבערשטער פירט די גאנצע וועלט און טוט אלעס בלויז ברצונו - אט דאס הייסט 'אמונה', און אויף דעם קומט זיך טאקע 'שכר', עד כדי כך, אז אלס שכר פאר דער אמונה, זענען אידן געווארן אויסגעלייזט פון מצרים.

ווי גרעסער דער 'הסתר פנים' – אלץ גרעסער איז דער 'זכות האמונה'

**מיט** דער בחינה זאגט דער עבודת ישראל (פרשת שמות ד"ה ושמעו) א פשט אויפן פסוק (שמות ד, א): "**וְהֵן לֹא יַאֲמִינוּ לִי וְלֹא יִשְׁמְעוּ בְּקֹלִי**" - משה רבינו האט געזאגט, "אידישע קינדער וועלן מיר נישט גלייבן, און וועלן מיר נישט אויסהערן". איז דאך שווער די באקאנטע קושיא: דער אייבערשטער האט דאך אים בפירוש געזאגט (שמות ג, טז-יח): "**וְשָׁמְעוּ לְקֹלֶךָ**" - אידן וועלן זיך צוהערן צו דיר. נו, ווי האט משה רבינו געקענט זאגן אנדערש? ענטפערט דער עבודת ישראל: ווען דער אייבערשטער האט געזאגט: "**וְשָׁמְעוּ לְקֹלֶךָ**" - אידן וועלן זיך צוהערן און גלייבן אין דיר, איז דא געווארן א 'הכרח' אז זיי מוזן שוין גלייבן - ווי אין אן 'אמת', וויבאלד דער אייבערשטער האט קלאר געזאגט אזוי, און זיי האבן שוין נישט קיין ברירה צו זאגן פארקערט - ווי אין אן 'אמונה'. האט משה רבינו גע'טענה'ט: "**וְהֵן לֹא יַאֲמִינוּ לִי**" - איך וויל אז זיי זאלן נישט **מוזן** גלייבן אין מיר, נאר זיי זאלן האבן א

ברירה צו זאגן אנדערש, און דאך זאלן זיי גלייבן באמונה שלימה מצד זייער אייגענע בחירה. ווייל אויב זיי 'מוזן' גלייבן, נעמט מען זיי דאך אוועק זייער גאנצער זכות און 'שכר האמונה'? נו, וויאזוי וועלן זיי קענען ווערן אויסגעלייזט אויף אזא אופן? דאס איז געווען די כונה פון משה רבינו, אריינצוברענגען א כח, אז אידן זאלן גלייבן אינעם גרעסטן הסתר פנים, ווייל ווי נידריגער דער מצב איז, ווי גרעסער די נסיונות זענען - און דאך האלטן זיך אידישע קינדער אין דער אמונה - אלץ גרעסער איז דער 'זכות' און 'שכר' פון דער אמונה.

אידן אין מצרים זענען געווען אינעם גרעסטן שפל המצב!

**ווען** מען טראכט אריין אינעם שפל המצב, וואו אידן זענען געווען אין מצרים - קומט דאך אויס, אז זייער 'אמונה' איז געווען גאר גאר חשוב. ווייל אידן זענען דאך נעבעך געווען פארזונקען אין די מ"ט שערי טומאה, און דערצו האבן זיי נישט געהאט קיין לחלוחית פון תורה און מצוות; ווי דער פסוק זאגט (יחזקאל טז, ז): "**וְאַתְּ עֵרֹם וְעֶרְיָה**" - אידן זענען געווען נאקעט פון מצוות. און מצרים איז דאך געווען א פלאץ פון מורא'דיגע כפירות רחמנא ליצלן; ווי פרעה האט געזאגט (שמות ה, ב): "מִי ה' אֲשֶׁר אֶשְׁמַע בְּקֹלוֹ וגו' לֹא יָדַעְתִּי אֶת ה'", און ווי די ספרים זענען מסביר, אז פרעה האט נאר געוואוסט פון 'אלקים' - וואס איז בגימטריא 'הטבע', און נישט פון הוי"ה - וואס ער פירט אלע טבעיים און טוט אלעס כרצונו. קומט אויס, אז מצרים איז געווען געבויעט אויף 'כולו טבע', און דאס איז געווען דער גרעסטער 'שעבוד מצרים', אז אידן האבן זיך געדארפט דרייען אין אזא סביבה פון כפירה און טבע. און דאס גייט אזוי ווייט, אז אפילו נאך אלע נסים ונפלאות וואס דער אייבערשטער האט זיי געטון, און זיי זענען שוין געשטאנען ביים ים סוף, האט נאכאלץ דער שר של מצרים גע'טענה'ט אזא מורא'דיגן קטרוג: "הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה" - סיי די מצריים און סיי להבדיל די אידן, דינען ביידע די עבודה זרה. דאס הייסט, אז אפילו דעמאלט - נאכן זען אזעלכע גילוים - האבן אידישע קינדער נאכאלץ נישט געהאט אינגאנצן אפגעלאזט די עבודה זרה'ס! אזוי שטארק זענען זיי נעבעך געווען משוקע אין דער טומאה וזוהמא פון מצרים!

זייער אמונה אין מצרים איז גאר א גרויסער חשיבות!

**און** מיט דעם אלעמען, מיט דעם גאנצן שפלות און הסתר - האבן אידן געגלייבט אינעם אייבערשטן! סיי אין מצרים; ווי עס שטייט (שמות ד לא): "**וַיַּאֲמֵן הָעָם**", און סיי ביים ים סוף; ווי עס שטייט (שמות יד, לא): "**וַיַּאֲמִינוּ בַּה' וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ**". אידן זענען געווען פול מיט אמונה שלימה און האבן נישט געהאט קיין ספק אין אמונה! אלע הבטחות וואס זיי האבן געהאט מקבל געווען פון די אבות, אז דער אייבערשטער וועט זיי נאך אויסלייזן פון דא - איז ביי זיי געווען א 'ברירות שאין כמוהו'! קומט אויס, אז די אמונה פון כלל ישראל דעמאלט - איז געווען א גאר גאר גרויסע זכות! ווייל לויט די נסיונות אין אמונה וואס זיי זענען אויסגעשטאנען, און דאך האבן זיי געגלייבט אז עס איז דא א באשעפער וואס ער צוברעכט אלע טבעיים! ער קען שפאלטן דעם ים - ממש פארקערט ווי די טבע! קומט אויס, אז דוקא ווייל כלל ישראל אין אזא שפלות'דיגער מצב - זענען זיי געווען גאר גרויס אין דער בחינה פון 'אמונה'.

מדה כנגד מדה: זיי האבן געשפאלטן 'שיטות הטבע' – האט זיי דער אייבערשטער געשפאלטן דעם ים

**דאס** קען זיין פשט: "**דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ**" - זאג פאר אידישע קינדער, זיי זאלן ארייגגיין אין וואסער, און עס וועט זיך שפאלטן פאר זיי. אין וועלכן זכות וועלן זיי זוכה זיין צו אזא נס? זאגט רש"י: "**כדאי זכות אבותיהם**" - זיי האבן 'זכות אבות'. אבער רש"י לייגט צו: "**והם והאמונה שהאמינו בי ויצאו**" - טאקע ווייל זיי זענען 'והם', אזויווי זיי זענען, אין אזא ביטערן און שפלות'דיגן מצב, אזוי פארזונקען אינעם 'כח הטבע', און פונדעסטוועגן דאך 'והאמונה שהאמינו בי ויצאו', האבן זיי געהאט אמונה אין מיר און זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים, דאס איז גאר גרויס! אין דעם זכות וואס זיי האבן צובראכן אלע שיטות פון 'טבע' און געגלייבט אין העכער פון 'טבע', קומט זיך זיי 'מדה כנגד מדה' - צו שפאלטן דעם ים און זיי ווייזן אפן אז עס איז נישטא קיין שום 'טבע', נאר די גאנצע 'טבע' איז משועבד צום אייבערשטן.

טון 'השתדלות' וויסענדיג אז עס ברענגט גארנישט!

**דער** ענין פון גלייבן אז עס איז נישטא קיין שום 'טבע', איז נוגע ביי יעדן איד יעדן טאג. ווייל פון איין זייט וויל דאך דער אייבערשטער אז א מענטש זאל טון פעולות פון 'השתדלות'; ווי דער חובת הלבבות שרייבט (שער הבטחון פרק ג), אז א מענטש דארף טון פעולות - יעדער איינער לויט וואס ער איז מסוגל, און אין יעדע זאך דארף מען טון די צוגעפאסטע פעולות וועלכע געהערן צו יענע זאך. אבער אין דער זעלבער צייט דארף א מענטש וויסן, אז די 'פעולה' איז גארנישט! אלעס איז נאר פונעם אייבערשטן! איי, פארוואס דארף מען טון א פעולה? דער אייבערשטער קען דאך העלפן אן קיין שום פעולה? אין הכי נמי, אבער דער רצון ה' איז, אז די השפעה זאל קומען דוקא דורך א פעולה; ווי עס שטייט (בראשית ג, יט): "בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם" - וואס נאר אזוי ארום האט ער דעם נסיון פון 'טבע' און ער דארף זיך מתגבר זיין דערויף. אבער דאס איז נישט מער ווי א זייטיגע תנאי אין דער השפעה וואס דער אייבערשטער גיבט, און נישט אז די פעולה ברענגט עפעס א השפעה.

'השתדלות' בלויז צוליב 'רצון הבורא'

**דאס** איז דער חילוק צווישן א איד און א גוי,ביידע טוען די זעלבע טבע'דיגע פעולות, דער חילוק איז נאר אין 'מחשבה': דער גוי רעדט זיך איין, אז די השפעה קומט פון זיינע פעולות. אבער דער איד ווייסט: דער אייבערשטער אליינס גיבט מיר אלע השפעות! ער גיבט מיר פרנסה! ער גיבט מיר געזונט! ער גיבט מיר נחת! איי, פארוואס דארף איך טון אזויפיל פעולות דערצו? ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן טון! עס איז פשוט א רצון הבורא אז מען זאל טון די פעולות! נישט ווייל איך לייג אריין א ווייצל אין דער ערד - וואקסט דאס, נאר דער אייבערשטער האט געהייסן אריינלייגן א ווייצל אין דער ערד און איך טוה דערמיט רצון הבורא, אבער דאס וואקסן קומט פון הימל! ווי דער ירושלמי זאגט (הובא בתוס' שבת לא. ד"ה אמונת): "זורע ומאמין בחי העולמים". און טאקע נאר א איד, וויבאלד ער איז ארויפגעקומען 'במחשבה תחלה' (ב"ר א, ד), האט ער דעם כח פון 'מחשבה' צו וויסן דעם אמת, אז אלעס איז דער אייבערשטער, ער איז דער 'ראשון' און דער 'אחרון' און 'הוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים'.

שקול משה נגד כל ישראל

**דער** אבן עזרא און רמב"ן זאגן אויפן פסוק (שמות יד, טו): "מה תצעק אלי", אז ווען מען רעדט פון משה רבינו, קען עס מיינען גאנץ כלל ישראל, ווייל אלע אידן זענען נכלל אין משה רבינו. מיט דעם קען מען אויך זאגן, אז ווען דער פסוק זאגט דא: "ירים **משה** את ידו", מיינט מען גאנץ כלל ישראל.

ווילאנג די 'השתדלות' איז אויפגעהויבן כלפי מעלה – איז דער איד מנצח

**מיט** דעם קען מען פארשטיין דעם פסוק: "**כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה יָדוֹ**" - ווען א איד שטרעקט אויס זיינע 'הענט' צו טון עפעס פעולות פון השתדלות - וואס אויף דעם ווייזט דאך דער לשון 'יד'; ווי עס שטייט אין פסוק (דברים ח, יז): "כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת הַחַיִל הַזֶּה" - און ער ווייסט ביי זיך: "ירים משה" - אלעס קומט פון אויבן! און ווי די משנה זאגט: ער איז מסתכל כלפי מעלה און איז משעבד זיין הארץ לאביו שבשמים! דעמאלט איז: "**וְגָבַר יִשְׂרָאֵל**" - איז ער זיך מתגבר אויף עמלק, וועלכער וויל אריינווארפן דעם איד אין דער קליפה פון 'טבע'. ווייל דוקא דורכדעם וואס א איד טוט די זעלבע פעולות ווי דער גוי, אבער זיין הארץ איז אנגעהאנגען אינעם אייבערשטן אליין, וואוסנדיג אז נאר ער איז דער וואס גיבט די השפעה! נישט דער 'כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי' פון מיין האנט! דורכדעם איז ער זיך מתגבר אויף עמלק. אבער "**וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ**" - אויב א איד הייבט נישט אויף די הענט כלפי מעלה, נאר ער פאלט אריין אין טבע, מיינענדיג אז 'ער' און זיינע 'פעולות' ברענגען די השפעות, דעמאלט איז חלילה "**וְגָבַר עֲמָלֵק**" - איז עמלק דער זיגער אין דער מלחמה, ווייל ער האט אריינגעווארפן דעם איד אין טבע רחמנא ליצלן.

## דברי כיבושין

**אויב** מען מיינט חלילה 'כֹּחִי וְעֹצֶם יָדִי', אז 'איך' טוה, 'איך' מאך - [דעמאלט] נישט בלויז אין אמונה ברענגט דאס אריין א 'התרשלות', נאר דאס ברענגט אריין התרשלות אינעם גאנצן איד אריין! [ער רעדט זיך איין]: "איך האב נישט קיין צייט צו דאווענען! איך מוז דאך לויפן דארט 'טון'! איך האב נישט קיין צייט צו לערנען, ווייל איך מוז דאך ערלעדיגן 'דאס'! אויב איך וועל נישט ערלעדיגן - וועל איך דאך

נישט האבן!", וכדומה. און די גאנצע בחינה פון (או"ח קנו, א) 'מלאכתך עראי' איז גארנישט דא, עס פעלט די אמונה!

**דו** דארפסט דאך נאר טון [השתדלות] נאר [צוליב] רצון הבורא, איז דארפסטו דען אוועקגיין פון דעם שיעור? דו האלטסט אז מיט דעם טוסטו דעם רצון הבורא? איז דען נישטא גענוג צייט, אז דו זאלסט קענען יא לערנען דעם שיעור? דו ביזט דאך א מאמין, אז דאס [השתדלות] איז נאר א ציווי פונעם אייבערשטן אז דו זאלסט טון, אבער דאס ברענגט נישט [די השפעות]. [נו], וויאזוי קענסטו זאגן, אז איך קען נישט לערנען דעם שיעור?

**דער** גאנצער איד, דער גאנצער מענטש ווערט א שטיק 'טבעיות', און די גאנצע מחשבה ווערט א 'טבעיות'. קען מען פארשטיין ווי ווייט מען קען פארקריכן. נאכדעם דער גאנצער מענטש גייט אזוי [ווערן גע]טון [ווי עס שטייט] (ספר החינוך טז): "אדם נפעל כפי פעולותיו", דער גאנצער מחשבה און אלעס ווערט פארטעמפט! מען האט נישט קיין חיות אין קיין תורה!

**דא** זעט מען, די גאנצע פרשה איז דאך געווען אלעס, נאר [בזכות] אמונה מיט אמונה, 'ויאמינו בהשם', 'בזכות אמונה נגאלו'. **היינט זענען מיר אין אזא מין מצב, וואס האט נישט קיין שיעור און קיין ערך, וואס יעדער ווייסט דאך, א שטיק 'טבעיות' די גאנצע אמעריקע! א שטיק 'גשמיות'! מען דארף זיך מתגבר זיין מיט אלע כוחות העולם, מיט תורה מיט חסידות, ארויסראטעווען זיך פון דעם מצב הגשמי און פון דעם מצב הטבעיות.**

**דער** אויבערשטער זאל אונז העלפן, אונז זאלן מיר זוכה זיין צו אמונה שלימה, אנחנו ובנינו ובני בנינו. זאל מען זוכה זיין טאקע בזכות אמונה, זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.

**אָז יָשִׁיר מֹשֶׁה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשִּׁירָה הַזֹּאת לַה' וַיֹּאמְרוּ לֵאמֹר אָשִׁירָה לַּה' כִּי גָאֹה גָּאָה סוּס וְרֹכְבוֹ רָמָה בַיָּם.**

**עס** איז באקאנט פון אלע ספרים און מדרשים, אז אידן האבן זוכה געווען ביי דער שירה, צו געוואלדיגע הויכע מדרגות; ווי רש"י ברענגט דא: "זה אלי - היו מראין אותו באצבע, ראתה שפחה על הים מה שלא ראו נביאים" - אידן האבן געוויזן מיט פינגער 'זה קלי', די פשוט'ע דינסט, האט געזען גילוים ביים ים סוף - וואס אפילו נביאים האבן נישט געזען.

**א)** לכאורה איז שווער: מען ווייסט דאך, אז כדי זוכה צו זיין צו א מדרגה, דארף מען אליינס הארעווען און עומד זיין בנסיונות, ביז מען באקומט א מתנה פון הימל, אז מען קומט אן צו א געוויסע מדרגה, אבער דא האבן דאך אידן גארנישט געטון מצדם, פארקערט, דער שר של עשו האט דאך גאר גע'טענה'ט 'הללו והללו', נו, פארוואס קומט זיך זיי אזעלכע גרויסע גילוים און מדרגות ביי שירת הים?

**ב)** עס שטייט "**וַיַּאֲמִינוּ בַּה' וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ**" - אידן האבן געגלייבט אינעם אייבערשטן און אין משה רבינו. אויב די תורה לויבט זיי אויס דערפאר, זעט דאך אויס, אז דאס איז נישט געווען אזא פשוט'ע זאך, נאר עס איז געווען דארט א גרויסער נסיון נישט צו גלייבן. דארף מען פארשטיין, וואספארא נסיון קען נאך זיין - בשעת ווען מען זעט אזא אפענער נס פאר די אויגן, אז דער ים שפאלט זיך און מען גייט דורך אין דער טריקעניש, ווי קען מען דען 'נישט גלייבן'?

**ג)** ווייטער שטייט: "**וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה הִנְנִי מַמְטִיר לָכֶם לֶחֶם מִן הַשָּׁמָיִם**" - דער אייבערשטער האט געגעבן פאר אידן צו עסן ברויט פון הימל, וואס דאס איז געווען זייער א הויכער סארט מאכל, 'לחם שמלאכי השרת ניזונין ממנו' (יומא עה:), און אידן זענען דורכדעם מזוכך געווארן און צוגעקומען צו געוואלדיגע מדרגות; ווי באקאנט פון אלע ספרים. לכאורה איז דא אויך שווער די זעלבע קושיא: צוליב וועלכן זכות האבן אידן זוכה געווען צו אזא הימלישע מתנה? אלס דעם הונגער אין מדבר וואלט דאך דער אייבערשטער זיי געקענט געבן פשוט'ע ברויט צו עסן, און עס האט נישט געמוזט זיין קיין ברויט פון הימל?

**ד)** דער פסוק פירט אויס: **"לְמַעַן אֲנַסֶּנּוּ הֲיֵלֵךְ בְּתוֹרָתִי אִם לֹא"** - דער גאנצער 'מן' איז געקומען צוליב א 'נסיון', צו אויספרובירן אויב אידן וועלן היטן די תורה. וואספארא נסיון איז געווען ביים מן? זאגט רש"י: **"אם ישמרו מצות התלויות בו שלא יותירו ממנו ולא יצאו בשבת ללקוט"** - זיי האבן געהאט א נסיון נישט איבערצולאזן דערפון ביז צופרי, און נישט ארויסצוגיין קלויבן אום שבת. לכאורה איז זייער שווער: דאס הייסט דען א נסיון? אויב מען זאל זאגן פאר איינעם: "איך גיב דיר א ריזן סכום געלט, אבער איך בעט דיר 'גיב **מיר** דעם מעשר'!", וועט דען א מענטש האבן א ספק צי ער זאל זיך צוהערן צו יענעם? דא אויך, דער אייבערשטער זאגט, איך וועל אייך געבן יעדן אינדערפרי פרישע מן, און פרייטאג וועט פאלן דאפלט - אויך פאר שבת, נו, זאל א מענטש וועלן איבערלאזן אויף צופרי אדער ארויסגיין שבת קלויבן מן?

**ה)** אויפן פסוק (שמות ב, כה): **"וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֵּדַע אֱלֹקִים"**, איז פארהאן א מדרש פליאה: **"וירא אלקים את בני ישראל - זה שירת הים, וידע אלקים - זה פסל מיכה"** - דער זכות וואס האט געברענגט די גאולה איז געווען, דער שירת הים און די עבודה זרה פון פסל מיכה. איז דאך זייער שווער, ווי קען זיין א דער 'פסל מיכה' זאל גאר צוהעלפן צו דער גאולה?

**ו)** דער מדרש זאגט (ב"ר ב, ה): **"והארץ היתה תהו ובהו - אלו מעשיהן של רשעים, ויאמר אלקים יהי אור - אלו מעשיהן של צדיקים, אבל איני יודע באיזה מהם חפץ אם במעשה אלו ואם במעשה אלו, כיון דכתיב וירא אלהים את האור כי טוב, הוי במעשיהן של צדיקים חפץ ואינו חפץ במעשיהן של רשעים"** - די מעשים פון רשעים איז 'תוהו ובוהו' און די מעשים פון צדיקים איז 'אור', אבער איך וואלט נאכאלץ נישט געוואוסט וועלכע מעשים דער אייבערשטער האט בעסער ליב, נאר שפעטער ווען דער פסוק זאגט: "וירא אלקים את האור כי טוב", זעט מען אז דער אייבערשטער וויל בלויז די מעשים פון צדיקים און נישט פון רשעים. איז דאך שווער: וואספארא הוה אמינא איז דען, אז דער אייבערשטער האט ליב די מעשים פון רשעים?

אפילו בשעת'ן חטא העג' איז אראפגעקומען מן

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. דער **חתם סופר** (ד"ה למען אנסנו) איז מסביר, אז דער מן האט געברענגט מיט זיך א מורא'דיגן נסיון. ווייל אפילו אינעם טאג וואס אידן האבן געזינדיגט מיטן חטא עג', יענעם זעלבן טאג איז ווייטער געפאלן דער מן. נו, וואלטן אידן דאך געקענט פארדרייען די גאנצע תורה און זאגן: "די תורה וויל גאר מען זאל מאכן דעם עג' חלילה, והא ראיה, אז דער אייבערשטער גיבט **היינט** ווייטער מן, וואס איז 'חוץ לדרך הטבע', נו, ווי קען זיין אז דער אייבערשטער זאל גאר מאכן נסים כדי צו שפייזן רשעים - בשעת ווען זיי האלטן אינמיטן טון אן עבירה? אלא מאי, איז עס בכלל נישט קיין עבירה!". און כאטש וואס דאס איז געווען אזא געוואלדיגער נסיון - דאך זעט מען, אז אידן זענען דאס בייגעשטאנען און האבן נישט געזאגט 'מוחלפת השיטה', נאר זיי האבן געוואוסט אז דאס איז שלא כדין, און ווי נאר משה רבינו איז אראפגעקומען פון בארג, האבן זיי באלד חרטה געהאט און אויסגעפאלגט אלעס וואס משה האט זיי געהייסן, ווייל זיי האבן נישט פארדרייט די תורה. און מיט דעם טייטשט דער חתם סופר: "**לְמַעַן אֲנַסֶּנּוּ הֲיֵלֵךְ בְּתוֹרָתִי**" - דער נסיון פון מן וועט זיין, צי אידן וועלן מיטגיין מיט מיין תורה, און עס נישט פארדרייען, אפילו ווען זיי וועלן זיין אין א מצב פון "**אִם לֹא**" - וואס זיי זענען חלילה עובר אויף דער תורה, דאך וועלן זיי נישט ברענגען קיין ראיות פונעם מן, אז די תורה לאזט טון עבירות חס ושלום.

דער גרעסטער נסיון בעולם – עס געשעען נסים פאר עוברי עבירה

**קומט** אויס פונעם חתם סופר, אז דער גרעסטער נסיון וואס איז נאר שייך איז, ווען מען זעט, אז נישט בלויז עס גייט גוט פאר די רשעים בדרך הטבע, נאר עס געשעט זיי אפילו 'נסים שלא כדרך הטבע'! דאס איז א מורא'דיגער הסתר פנים וואס עס איז גאר שווער אויסצוהאלטן! ווייל ווילאנג עס איז בלויז א 'דרך הטבע' פון 'רשע וטוב לו', וועט נאך קיינעם נישט בייפאלן צו זאגן, אז וויבאלד ער האט אן עשירות, דעריבער זענען אלע זיינע עבירות רצון ה'! ווייל דארטן קען א מענטש פארשטיין, אז דער אייבערשטער וויל נישט 'משנה' זיין די טבע - בלויז צוליב יענעם רשע, נאר ער פירט די וועלט באהאלטן מיטן דרך הטבע, און צום סוף וועט ער אים אפצאלן אלץ וואס קומט זיך אים. אבער ווען עס געשעט 'נסים' פאר רשעים,

דעמאלט איז שוין דא א נסיון צו פארדרייען די גאנצע תורה און זאגן חלילה, אז דאס איז גאר רצון ה' רחמנא ליצלן.

פארן רשע גייט היינט בעסער אפילו ברוחניות!

**דאס** זענען די נסיונות פון 'עקבתא דמשיחא'; ווי מען זאגט נאך פון הרה"ק רבי אהרן קארלינער זצ"ל, אז עס וועט נאך קומען א צייט, וואס די פושעים וועלן האבן אזא סייעתא דשמיא, אז אויך רוחניות וועלן זיי האבן! און אזוי זעט מען אויך אין דער גמרא (ברכות ז:): "**אם ראית רשע שהשעה משחקת לו אל תתגרה בו שנאמר יחילו דרכיו בכל עת ולא עוד אלא שזוכה בדין שנאמר מרום משפטיך מנגדו**" - בשעת עס גייט גוט פאר א רשע, טאר מען זיך נישט רייצן מיט אים, ווייל נישט נאר אז ער איז מצליח, נאר ער איז אפילו זוכה בדין און מען נעמט זיך אן פאר אים אין הימל! און דאס לערנט אונז, ווי ווייט א איד טאר נישט צובראכן ווערן פון קיין שום נסיון, נאר ער מוז זיך שטארקן און וויסן, אז 'זאת התורה לא תהא מוחלפת', אויב אין דער תורה שטייט אז מען טאר נישט - גייט מיר נישט אן וויפיל הצלחה דער רשע האט בגשמיות און אפילו ברוחניות, נאר איך בלייב ווייטער געטריי פאר די תורה הקדושה.

דער 'נסיון' פון 'נסים' איז דאס מערסטע מזכך דעם איד

**דורכדעם** וואס א איד האלט זיך שטארק אין אזעלכע נסיונות פון 'נסים', ווערט ער גאר שטארק דערהויבן און מזוכך; ווי דער מדרש זאגט (ב"ר נה, א): "נתתה ליראיך נס להתנוסס מפני קושט סלה - נסיון אחר נסיון וגידולין אחר גידולין, בשביל לנסותן בעולם בשביל לגדלן בעולם, כנס הזה של ספינה" - 'נסיון' איז א לשון פון א הויכן שטאנג אויף וואס מען ציהט ארויף די זעגלען פון דער שיף. ווייל יעדער נסיון הייבט אויף דעם מענטש גאר הויך. בפרט אזא סארט נסיון וועלכער קומט פון א 'נס שלא כדרך הטבע' - וואס דאס איז גאר א שווערער נסיון, ווערט מען אודאי גאר שטארק דערהויבן און מזוכך.



דער 'זיכוך' פונעם מן – מכח די נסיונות שבו

**מיט** דעם פארשטייט מען שוין וואס מען האט געפרעגט, וויאזוי אידן האבן זוכה געווען צו אזא הויכער מאכל ווי מן - וואס האט זיי געברענגט צו אזעלכע הויכע מדרגות. ווייל דאס אלעס האבן זיי

זוכה געוועט דורכן עומד זיין אין די נסיונות פון דאס וואס דער מן איז געפאלן בשעת'ן זינדיגן, און דאך האבן זיי געגלייבט אין משה רבינו און האבן נישט פארדרייט די תורה הקדושה, אט דאס האט זיי מזכך געוועט בלי שיעור וערך.

דער נסיון פון קריעת ים סוף: דער 'פסל מיכה' איז אויך דורכגעגאנגען ביבשה

**דער** מדרש זאגט (שמו"ר מא, א): **"ישראל עוברים בים וכספו של פסל מיכה עובר בים שנאמר ועבר בים צרה, והיה הים נקרע לפניהם, הַוֵי, לך ה' הצדקה ולנו בושת הפנים"** - בשעת אידן זענען דורכגעגאנגען דעם ים, האבן זיי געהאט מיט זיך דעם 'פסל מיכה', און דאך האט זיך דער ים געשפאלטן פאר זיי. קומט דאך אויס, אז דא וואלטן אידן אויך געקענט ברענגען א ראיה פונעם נס, אז דער אייבערשטער לאזט חלילה דינען עבודה זרה, והא ראיה, ער האט געשפאלטן דעם ים פארן פסל מיכה, און עס איז נישט געווארן איינגעזונקען מיט די מצריים. אבער אידישע קינדער האבן נישט פארדרייט די תורה, נאר זיי האבן געוואוסט אז דער פסל מיכה איז א צרה! זיי האבן געוואוסט אז מען טאר דאס נישט דינען, נאר זיי האבן נעבעך א גרויסן יצר הרע, אבער די תורה טוישט זיך נישט! דאס זאגט דער פסוק: **"וַיַּאֲמִינוּ בַּה' וּבְמשֶׁה עַבְדּוֹ"** - זיי האבן געגלייבט אינעם אייבערשטן און אין משה, און האבן נישט געכאפט קיין שום התפעלות פון די נסים וואס דער אייבערשטער האט געמאכט פאר די עובדי עבודה זרה. און טאקע דורכדעם וואס זיי האבן עומד געוועט אין אזא גרויסן נסיון, זענען זיי מזוכך געווארן אויף אזא מורא'דיגן אופן, וואס דורכדעם האבן זיי זוכה געוועט צו אזא 'אז ישיר משה' מיט אזעלכע גילוים, וואס 'ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל וכל שאר הנביאים'.

די 'עמידה בנסיון' פון פסל מיכה - האט געברענגט די גאולה

**מיט** דעם פארשטייט מען דעם מדרש פליאה: **"וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל - זה שירת הים, וַיֵּדַע אֱלֹקִים - זה פסל מיכה"**. אז בשעת ווען דער אייבערשטער איז געקומען אויסלייזן אידישע קינדער פון מצרים, האט ער שוין דעמאלט געקוקט אויפן עתיד פון כלל ישראל, וואספארא נחת רוח זיי וועלן אים ברענגען. און דעריבער האט ער געקוקט אויף דעם וואס אידן וועלן דורכגיין אינעם ים מיט אזעלכע נסים, און כאטש זיי וועלן האבן מיט זיך דעם 'פסל מיכה' - וועלן

זיי נישט דורכפאלן צו זאגן, אז דאס איז דער רצון ה׳, נאר זיי וועלן ווייטער גלייבן בה׳ ובמשה עבדו, וואס דורכדעם וועלן זיי אנקומען צו אזא זיכוך, אז זיי וועלן זאגן אזא שירת הים מיט די אלע מדרגות. און דאס האט געמאכט דעם נחת רוח למעלה אויסצולייזן דעם כלל ישראל.

*נאר אין די תורה קען מען זען דעם אמת'ן רצון ה'*

**דאס** זאגט דער מדרש: "**והארץ היתה תהו ובהו - אלו מעשיהן של רשעים, ויאמר אלקים יהי אור - אלו מעשיהן של צדיקים**" - דער חילוק צווישן מעשי רשעים און מעשי הצדיקים, איז ווי פון אור ביז חושך. נו, וועט א מענטש מיינען, אז אויב אזוי איז נישטא קיין שום נסיון, ווייל עס איז זייער קלאר אז דער אייבערשטער האט פיינט די מעשי הרשעים, זאגט דער מדרש: ניין! "**אבל איני יודע באיזה מהם חפץ אם במעשה אלו ואם במעשה אלו**" - דו קענסט בכלל נישט וויסן וועלכע מעשים דער אייבערשטער וויל! ווייל עס פאסירן אזעלכע נסים פאר די רשעים, אז עס קען זיך חלילה דוכטן אז ער וויל גאר די 'מעשי הרשעים'. נו, פון וואו קען מען טאקע וויסן דעם אמת? זאגט דער מדרש: "**כיון דכתיב וירא אלקים את האור כי טוב**" - די גמרא (ברכות ה.) זאגט: "אין טוב אלא תורה", דער ערליכער איד מאכט זיך נישט וואוסנדיג פון די אלע נסים, נאר ער קוקט אריין אין דער 'תורה', און דארט זעט ער וואס עס איז דער אמת'ער 'אור'! דארט זעט ער: "**במעשיהן של צדיקים חפץ ואינו חפץ במעשיהן של רשעים**" - אז דער אייבערשטער זאגט קלאר זיין רצון, אז ער וויל בלויז די 'מעשיהן של צדיקים' און נישט די 'מעשיהן של רשעים! און דאס איז דער 'ויאמינו בה' ובמשה עבדו', אז זיי האבן געוואוסט, אז 'משה אמת ותורתו אמת', און די אלע הצלחות פון די רשעים, זענען גארנישט מיט נישט.



ט"ו בשבט: א טאג פון א מליצה ישרה אויף כלל ישראל

**עס** איז היינט חמשה עשר בשבט, וועלכע איז 'ראש השנה לאילנות'. דער ענין פון ראש השנה, איז דאך א זמן פון א 'דין' וואס מען איז 'דן' די אילנות. און דער מענטש ווערט דאך אויך אנגערופן 'אילן'; ווי עס שטייט (דברים כ, יט): "**כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה**", און אים איז מען אויך 'דן' אין דעם טאג. קען מען אפשר זאגן, אז עס איז א טאג וואס מען איז

'דן' א קל וחומר פון די 'אילנות' צו דעם 'אדם', און דורכדעם איז מען מזכה אידן בדין. ווייל עס שטייט דאך אין פסוק (בראשית א, יא): **"תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא עֵשֶׂב מַזְרִיעַ זֶרַע עֵץ פְּרִי עֹשֶׂה פְּרִי לְמִינוֹ"**, זאגט רש"י: **"עץ פרי - שיהא טעם העץ כטעם הפרי והיא לא עשתה כן אלא ותוצא הארץ וגו' ועץ עושה פרי ולא העץ פרי"** - די ביימער האבן גלייך בתחלת הבריאה געזינדיגט און משנה געווען פונעם ציווי ה'. נו, לכאורה וואלט דאך געדארפט קומען אויף די ביימער געפערליכע עונשים, ווייל זיי האבן דאך אפילו נישט קיין תירוץ, אז דער יצר הרע האט זיך מתגבר געווען, ווייל זיי האבן דאך נישט קיין יצר הרע. און מיט דעם אלעמען זעט מען, אז דער אייבערשטער גיבט אריין היינט א 'שרף באילנות', זיי הייבן אן צו וואקסן און ברענגען לולבים, אתרוגים און אלע גוטע פירות פאר אידישע קינדער. נו אויב אזוי, איז מען 'דן' א 'קל וחומר': מה-דאך אז די ביימער - וועלכע האבן געזינדיגט אן האבן א יצר הרע - באקומען אזעלכע ברכות, איז דאך אודאי, אז אידישע קינדער וועלכע זענען ארומגענומען מיט אזעלכע שווערע נסיונות, עד כדי כך, אז זיי זעען ווי מען טוט נסים פאר די רשעים, און דאך זענען זיי זיך מתגבר אויפן יצר הרע, און אפילו אויב זיי פאלן נעבעך דורך מיט חטאים, איז עס נאר 'מרוב היצר הבוער בקרבנו תמיד', אבער זיי פארדרייען נישט די תורה, איז דאך א קל וחומר אז זיי דארפן זוכה זיין צו א 'שנת ששון ושמחה', צו א 'שנת שובע', צו א 'שנת נחת', זיי דארפן זוכה זיין צו בריאות השלימות לאריכות ימים ושנים טובים, און צו א גוט יאר ברוחניות ובגשמיות.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, אידן זאלן נישט וויסן קיינמאל פון קיין צער, מען זאל זוכה זיין צו 'בני, חיי, ומזוני רויחי' ביי יעדן איד מיט אלע מובנים. און בקרוב זאל שוין נתגלה ווערן כבוד שמים, און מען זאלן מיר זוכה זיין צו ביאת משיח צדקנו במהרה בימינו, אמן.

## דיבורים וסיפורים - ממה שסיפר תחת השיחים במשך השנים

**הרה"ק רבי יהושע מבעלז זי"ע**
**כ"ג שבט תרנ"ד**

'אפילו' פארן בעלזער רב

**דער** שינאווער רב פלעגט יעדן טאג לערנען דעם 'חק לישראל'. אמאל איז דער בעלזער רב, הרה"ק רבי יהושע'לע זצ"ל אנגעקומען אויף א באזוך - פונקט ווען דער שינאווער רב האט געהאלטן אינמיטן דעם שיעור אין 'חק', און דער שינאווער רב האט נישט מפסיק געווען פון לערנען. און דער בעלזער רב האט צוגעווארט.

**ווי** פארשטענדליך, זענען די בעלזער חסידים געווארן אומבאקוועם... האט דער בעלזער רב זיי געוויזן, אז זיי זאלן זיך האלטן רואיג. ווי דער שינאווער רב האט געענדיגט לערנען, האט ער מיט חכמה זיך אנגערופן צום בעלזער רב: "וואס זאל איך טון? אפילו דעם 'חק' לאזן זיי [די חסידים] מיך נישט לערנען, דעריבער האב איך זיך פאַרגענומען, אז אפילו דער בעלזער רב וועט קומען, וועל איך אויך נישט מפסיק זיין...".

דאס איז געווען דער 'פיוס' וואס ער האט אים מפייס געווען.

עס זעט נישט אויס ווי יענער הימל...

**עס** איז באקאנט, אז דער ראדזינער רבי זצ"ל האט געהאלטן אז ער האט אנטדעקט דעם ריכטיגן חלזון. און ער האט מחבר געווען א ספר מיט ראיות צו מברר זיין אז דאס איז טאקע דער ריכטיגע תכלת. איז ער געקומען צום בעלזער רב רבי יהושע'לע, און אים געוויזן זיין תכלת, האט אים דער בעלזער רב געענטפערט: **"איך בין אמאל געגאנגען שפאצירן מיט מיין טאטן אויף דער גאס פארנאכט, און עס איז געווען א קלארע הימל, האט ער מיר געוויזן אויפן הימל: "זעסט יהושע'לע? אזוי זעט אויס דער תכלת!"**. האט ער אויסגעפירט צום ראדזינער: **"און דאס זעט נישט אויס אזוי!"**.

**מיט** דעם איז ער געווען פארטיג, ער האט אוועק געמאכט אלע זיינע ראיות מיט איין ווארט פונעם טאטן...

דער פאטער האט נישט גערעדט דערוועגן...

**מען** איז אמאל געקומען צום בעלזער רב רבי יהושע׳לע, אז ער זאל פסק׳ענען אויף א געוויסן ענין וואס האט זיך געמאכט, האט ער געזאגט: **"דער טאטע האט מיר געוויזן אלע ספיקות און שאלות וואס וועלן זיך מאכן ביז משיח וועט קומען - וואו איך וועל דארפן האבן א פירוש דערין, און ׳דאס׳ האט מיר דער טאטע נישט געוויזן!"**.

ביידע מחותנים אין איין מצוה טאנץ

**ביי** די חתונה פונעם ציעשנוב׳ער רב זצ"ל, האבן די ביידע מחותנים - דער שינאווער רב זצ"ל און דער בעלזער רב רבי יהושע׳לע - געטאנצן צוזאמען מצוה טאנץ. איז דארט געווען דער רבי יהושע׳לע טאמאשובער זצ"ל, ער איז געווען פון די גרויסע בני עליה אין שינאווא - זיין טאטע רבי יאסעלע טאמאשובער זצ"ל איז געווען פון די גרויסע תלמידים פונעם רבי׳ן פון לובלין - האט דער רבי יהושע׳לע טאמאשובער באמערקט, אז דער שינאווער רב האט שוין געענדיגט טאנצן, נאר וויבאלד דער בעלזער רב טאנצט נאך - פאסט נישט אז ער זאל זיך אפשטעלן. איז דער ר׳ יהושע׳לע אריינגעטאנצן אינמיטן מיט א בעזים, און אזוי האט ער אפגעשטעלט דעם טאנץ. האט דער בעלזער רב ׳אנגעקוקט׳ דעם רבי יהושע׳לע טאמאשובער, ווי דער שינאווער רב האט דאס באמערקט, האט ער מורא געהאט אז עס זאל אים חלילה נישט שאדטן די קפידא פון בעלזער רב, האט זיך דער שינאווער רב אנגערופן: "דער מחותן קען אים? דאס איז דאך אונזער רבי יאסעלע׳ס זון!". און מיט דעם האט ער דאס ממתיק געווען.

א גרויסער עולם איז מבלבל

**דער** בעלזער רב רבי יהושע׳לע איז אמאל געזעסן שבת ביי א שמחה צוזאמען מיטן ראזוואדובער רב רבי משה׳לע, און זיי זענען ביידע געזעסן שטיל ביים טיש און גע׳מח׳ט. און דער דרך פון רבי משה׳לע ראזוואדובער איז געווען, אז בשעת׳ן טיש האט געדארפט זיין שטיל, טאמער האט איינער גערעדט, פלעגט ער זיך אנרופן: "שאַ, דרך ארץ פארן שבת!", אדער "האַ, וואס רעדט מען?". איז דארט געווען רבי איציקל סטוטשינער ער איז דאך געווען א שארפער, און ער האט געוואלט הערן עפעס א ווארט פון זיי, האט ער אזוי

געמאכט א שטופעניש צווישן דעם עולם ביז עס איז געווארן א שטיקל גערודער.... האט זיך טאקע דער ראזוואדובער רב אנגערופן: ״האַ, וואס רעדט מען דא?״. האט זיך רבי איציקל אנגערופן: ״מען שמועסט דא, אז אין בעלז איז דא צוויי טויזנט אידן אויף שבועות!״. דרייט זיך רבי משה׳לע אויס צום בעלזער רב: ״אמת מחותן?״. האט דער בעלזער רב געענטפערט: ״עה, צוויי טויזנט - א גוזמא! טויזנט - אפשר!״. האט רבי משה׳לע געזאגט: ״אן עולם דארף מען האבן, א גרויסער עולם איז מבלבל!״.

**דאס** איז געווען אין יענע צייטן, היינט זאגט מען שוין פארקערט: א קליינער עולם איז מבלבל...

לקבלת הקונטרס מידי שבוע
נא לשלוח אימעיל עם הבקשה
MechonShinova@gmail.com